אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.






## אמרות שמשון

### יוסף שיקט דער סימן פון עגלה ערופה • חיוב פון באגלייטן איינעם אויף זיין וועג • לימוד וואס מען לערנט ארויס פון עגלה ערופה • יסורים קומט נאר אויף צדיקים וואס דער איבערשטער וויל גרויס מאכן • יוסף ווערט נישט געשעדיגט אויפן וועג

**וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו אֵת כָּל דִּבְרֵי יוֹסֵף אֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵהֶם וַיַּרְא אֶת הָעֲגָלוֹת אֲשֶׁר שָׁלַח יוֹסֵף לָשֵׂאת אֹתוֹ וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם** (מה, כז): רש"י אויפן ארט (ד"ה את כל דברי), ערקלערט די ווערטער וואס יוסף האט געשיקט זאגן צו זיין טאטע יעקב: **'סימן מסר להם במה היה עוסק כשפירש ממנו, בפרשת עגלה ערופה, וזהו שנאמר וַיַּרְא אֶת הָעֲגָלוֹת אֲשֶׁר שָׁלַח יוֹסֵף ולא נאמר אשר שלח פרעה'.**

**יוסף** האט זיי איבערגעגעבן א סימן צו זאגן פארן טאטען, די פרשה פון 'עגלה ערופה', וואס דאס איז געווען די לעצטער זאך וואס ער האט געלערנט מיט זיין טאטע יעקב, איידער ער איז פארקויפט געווארן פאר א קנעכט.

◆ ◆ ◆

**מען** קען ערקלערן אז יוסף האט דערמיט געוואלט זאגן פאר זיין טאטע יעקב, טראָץ וואס ער געפונט זיך אין מצרים ארומגענומען מיט טומאה און קליפות, ער איז דער קעניג אויף די גאנצע לאנד און פארמאגט כבוד מיט רייכקייט. זאל יעקב נישט מורא האבן אז ער איז חלילה שוואכער געווארן פון זיין צדקות און ערליכקייט, און דער כבוד וועט אראפרעכענען פון זיין שכר אויף יענע וועלט.

**נאר** ער איז נאכאלץ געבליבן געוצליך ערליך צוזאמען מיט דאס גרויסקייט וואס ער האט אין מצרים, און דאס אלעס וואס ער פארמאגט וועט גארנישט אראפרעכענען פון זיין שכר בעולם הבא.

**אלץ** רמז האט יוסף צוגעשטעלט די פרשה פון **'עגלה ערופה'** וואס רעדט זיך ווען מען געפונט א טויטע קערפער נעבן א שטאט, און מען ווייסט נישט ווער עס האט אים גע'הרג'עט. דאס איז א סימן אז מען האט נישט באַגלייט דעם גע'הרג'עטן מענטש אויף זיין וועג.

**אזוי** ווי עס שטייט אין גמרא (סוטה דף מה:), די זקני העיר דארפן זאגן (דברים כא, ז): **יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת הַדָּם הַזֶּה וְעֵינֵינוּ לֹא רָאוּ.** אונז האבן נישט געזען דעם מענטש און פאַרשיקט אָן באַגלייטן. ווייל אויב וואלט מען אים געזען און מען וואלט אים באגלייט אויף זיין וועג וואלט ער נישט גע'הרג'עט געווארן. (דער 'תפארת ישראל' איז מסביר דער טעם, וויבאלד ער איז ארויסגעגאנגען פון שטאט אן באגלייטונג האבן די רויבער'ס געזען אז ער האט נישט קיין באקאנטע און חברים, און קיינער וועט נישט קומען זיך אננעמען אויף זיין פארגאסענע בלוט, דעריבער האבן זיי אים גע'הרג'עט).

**און** עס ווערט געברענגט אין חז"ל (שם סוטה מו:), **'כל המלוה את חבירו ארבע אמות בעיר אינו ניזק'.** אויב מען באַגלייט א מענטש אויף זיין וועג, וועט יענער נישט געשעדיגט ווערן דורכאויס זיין וועג.

**עס** איז זיכער אז יעקב אבינו האט באגלייט יוסף ווען ער איז ארויס אויף זיין וועג, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל די גרויסע מצוה פון באגלייטן. איבערהויפט ווען דאס איז אויך א פליכט וואס בי"ד קען צווינגן דאס צו טון.

**דעריבער** מוז זיין אז יעקב האט באגלייט יוסף. אויב אזוי קען נישט זיין אז עס האט פאַסירט שלעכטס מיט יוסף, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל, אויב מען באגלייט פאסירט נישט קיין שלעכטס.

**דעריבער** מוז מען זאגן, די אלע יסורים וואס יוסף האט געהאט איז נאר געווען יסורים וואס דער איבערשטער ברענגט אויף א מענטש וואס איז א צדיק, און דער איבערשטער וויל אים גרויס מאכן און דערהייבן. ווי עס שטייט אין חז"ל (ברכות ה.), **כל שהקב"ה חפץ בו, מדכאו ביסורין.** (עיין לעיל בדברי רבינו פרשת מקץ אות ט"ז).

**און** דאס זעלבע וואלט יעקב אבינו געדארפט טראכטן אויף יוסף, און האט נישט געדאַרפט זאגן (וישב לז, לג), **חַיָּה רָעָה אֲכָלָתְהוּ טָרֹף טֹרַף יוֹסֵף.** נאר פארקערט ער האט געדארפט טראכטן אז אלעס וואס פאַסירט צו יוסף איז נאר פאר זיין גוטס און נישט חלילה פארקערט פאר זיין שלעכטס.

◆ ◆ ◆

**דאס** אלעס איז יוסף מרמז צו יעקב מיט די פרשה פון 'עגלה ערופה', וויבאלד פון די פרשה לערנט מען ארויס די גרויסע מצוה און זכות פון באגלייטן איינעם אויף זיין וועג, און וויבאלד יעקב האט מקיים געווען דער מצוה פון באַגלייטן קען נישט זיין אז עס האט פאַסירט צו אים שלעכטס.

**און** די אלע יסורים וואס ער האט געליטן איז נאר געווען כדי ער זאל גרויס ווערן אזוי ווי עס שטייט אין די אויבנדערמאנטע חז"ל, און די אלע כבוד וואס ער פארמאגט קומט צוליב די יסורים וואס ער מיטגעמאַכט. דעריבער וועט דאס נישט אראפרעכענען פון זיין שכר אויף יענע וועלט.

**אזוי** אויך איז דאס א סימן אז ער איז געבליבן גאַנץ מיט זיין צדקות און ערליכקייט, וויבאלד די איבערשטער טוט דאס נאר צו איינער וואס איז א פולקאָמע צדיק.

**דאס** האט יעקב אבינו געזאגט גלייך נאכדעם וואס ער האט געהערט די גוטע בשורה אז יוסף לעבט, (מה, כח), **וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל רַב עוֹד יוֹסֵף בְּנִי חָי** וגו'. און ווי עס שטייט אין מדרש (ילקוט ויגש רמז קנ"ב), **רב כוחו של יוסף בני שכמה צרות הגיעוהו ועודנו עומד בצדקו** וכו'. (פרשתינו אות ח')




• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

'קול זרע שמשון העולמי'
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

תורמים ונושעים
ארץ ישראל 02-80-80-500
ארה"ב 347-496-5657
או באתר: www.zerashimshon.co.il
קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת

לברכה והצלחה
שאול בן רחל
להצלחה וברכה בלי גבול ומדה
בלי שום טירדות והפרעות

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

ר' **חיים נעמן** הי"ו פון שטאט נתיבות, שילדערט זיין שטוינענדע אויסטערלישע געשיכטע, וואס ער האט בייגעוואוינט בזכות דער הייליגער זרע שמשון זי"ע:

## העכער אלע אויסזיכטן (ב')

**אין קורצן פון פריער: ר' חיים נעמן פארציילט איבער די דירה וואס ער איז געווען גרייט צו קויפן פאר גאר א ביליגע פרייז, אבער דער פיפיגער אדוואקאט לייגט אן אויג אויפן דירה, און שטעלט אונטער דריידלעך און פיסלעך אז ר' חיים זאל נישט באקומען קיין מארגעדזש און אזוי ארום פארלירן די דירה. אבער נאכן אנפאנגן לערנען זרע שמשון, איז ר' חיים מצליח צו באקומען א הלוואה, און איז גרייט צו באצאלן דאס גאנצע געלט.**

**ווען** איך האב זיי מודיע געווען איז דאס געלט איז גרייט, און איך וויל באצאלן דאס גאנצע סומע געלט פאר די דירה, האט זיך דער אדוואקאט ווידעראמאל אריינגעמישט און מיט אלע כוחות האט ער פראבירט צו אפהאלטן דאס געשעפט, יהיה מה שיהיה.

**ער** האט אפיר געזוכט א פאראגראף אינעם אפמאך, וואס עס שטייט אז אויב מען פארשפעטיגט צו באצאלן די גאנצע סומע, אויפן טאג פון די באשטימטע צייט, דעמאלטס ווערט דאס גאנצע געשעפט בטל. און נישט נאר דאס, מען דארף צוצאלן נאך צען פראצענט פון די דירה, אלס קנס און פארגיטיגונג'ס געלט.

**און** וויבאלד איך האב פארשפעטיגט צו באצאלן די געלט מיט עטליכע טעג, דעריבער האט ער מיר געשיקט א שארפע בריוו און ווארענונג, אז דאס גאנצע געשעפט איז בטל געווארן, און ביז צוויי וואכן מוז איך פארלאזן די דירה, און אויב נישט, וועט ער זיך באנוצן מיט אלע מעגליכע כוחות און רעכטן מיר צו ארויסנעמען פון די דירה. און צו דעם האט ער מצליח געווען אז דער ברודער זאל מיטארבעטן מיט אים, און מסכים זיין צו זיינע מעשים.

**איך** האב פארשטאנען אז ער מיינט דאס זייער ערנסט, עס איז מיר געווארן שווארץ פאר די אויגן, פון איין זייט פארליר איך דא א דירה וואס איך האב שוין אריינגעלייגט אסאך געלט, פון די צווייטע זייט מוז איך יעצט טרעפן א פרישע דירה צו דינגן און באצאלן רענט, און איינוועג'ס מוז איך ווייטער באצאלן די גרויסע הלוואה וואס איך האב גענומען.

**זייענדיג** פארביטערט און פאר'צער'ט, האב איך זיך מחזק געווען,

> מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר
>
> **רבנו שמשון חיים נחמני זלה"ה**
>
> בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו
>
> 'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.
>
> * * *
>
> 'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברוד המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.
>
> * * *
>
> 'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.

און ווייטער ממשיך געווען און געלערנט די הייליגע תורות פונעם זרע שמשון, און געדאווענט צום אויבערשטן, ער זאל מיר ארויסהעלפן אין מיין שווערע קלעם.

**איך** בין געווען פארזיכערט אינעם כח פונעם גרויסן צדיק, און איך האב מודיע געווען פארן לויער, אז איך ווייס נישט וואס ער וויל פון מיר, איך האב אפגעקויפט די דירה, און די געלט איז גרייט צום באצאלן, און איך האב אים צוגעלייגט די ווערטער: "איך בין פארזיכערט אינעם כוח פונעם הייליגן זרע שמשון אז דו וועסט מיר נישט קענען בא'גנב'ענען..." אבער דער לויער האט בלויז אפגעלאכט דערפון.

**אבער** פון די אנדערע זייט האב איך זיך געמוזט גרייטן ארויסצוגיין פון די דירה, וואוסנדיג אז דער אדוואקאט מיינט דאס אלעס מיט א ערנסטקייט, און מיינע קינדער האבן שוין אנגעהויבן צו צאמפאקן די זאכן. און גלייכצייטיג האב איך זיי ווייטער מחזק געווען אז מיטן זכות פונעם הייליגן זרע שמשון וועט מען בס"ד יא קענען בלייבן אין דעם הויז.

**פינעף** טעג איידער עס איז אנגעקומען די טאג וואס איך האב געמוזט פארלאזן די דירה, האב איך באקומען א טעלעפאון קאל פון די שוועסטער'ס, און זיי האבן געוואלט וויסן וואס האט דא פאסירט.

**זיי** האבן מיר פארציילט, אז זיי האבן נארוואס באקומען א פארלאנג פונעם לויער צו אונטערשרייבן אויף א צעטל אז דאס מקח איז בטל געווארן, און זיי ווילן וויסן וואס גייט דא פאר.

**ווי** עס ווייזט אויס, אז כדי צו באשטעטיגן געזעצליך אז די געשעפט איז בטל געווארן, האט דער לויער - וואס האט ביז יעצט גארנישט פארציילט פאר די געשוויסטער - געמוזט באקומען די אונטערשריפט פון אלע יורשים, און דעריבער איז ער געווען געצווינגען זיך צו ווענדן צו זיי, און בעטן זייער אונטערשריפט.

**אבער** זיי האבן געשמעקט אז עפעס קלאפט נישט, דעריבער האבן זיי זיך פארבינדן מיט מיר, צו פארשטיין פונקטליך וואס עס גייט פאר.

\- פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה -


ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו





זרע שמשון ע"ר 580624120